ב"ה ימות המשיח. עש"ק פרשת ויקרא ב' ניסן – "יחי המלך"
ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# צוּ מאַכן ניסים!

לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת ויקרא ה'תנש"א

**אַ ספּעציעלע שבת**

אין יאָר תנש"א, איז אוֹיסגעפאַלן ראש חודש ניסן אין שבת פרשת ויקרא, און צוּ קריאת התורה האָט מען אַרויסגענומען דרײַ ספרים: אײנער פאַר די סדרה פון דער וואָך, אײנער לכבוד ראש חודש, און אַ דריטער ספר צוּ פרשת 'החודש' (אײנע פון די–4 פרשיות) וועלכע מען לײַנט פאַר חודש ניסן. דאָס איז אַ זעלטנער פּאַסירונג וואָס טרעפט אוֹיף אַ באַשטענדיקער אופן נאָר אײן מאָל אַ יאָר – שמחת תורה, און אוֹיף אַן אומבאַשטענדיקער אופן – צײַטנווײַז אין ספּעציעלע געלעגנהײַטן, אַזוֹי ווי ראש חודש ניסן ווען ער פאַלט אוֹיס אום שבת.

און זאָגט דער רבי שליט"א: יעדער ספר תורה וואָס קומט אַרוֹיס פון דעם ארון איז אַ ספּעציעלער און מיר דאַרפן פון אים אַרוֹיס לערנען. ווען מ'עפנט דעם ארון קודש זאָגט מען "ויהי בנסוע הארון ויאמר משה קומה ה' ויפוצו אויביך". די באַדײַטונג פון דעם פסוק איז אַז יעדער אײנער האָט אין האַרצן אַ קלײנעם "משה", ווײַל יעדערער איז דאָך געבונדן צום רבי'ן מלך המשיח שליט"א – דער משה פון אונזער דור, און אַז מ'עפנט דעם ארון קודש זאָגט דער "משה" פון יעדער אײנער "קומה ה'" – צוּ צוגעבן אין אַלע גוטע זאַכן פון תורה און קדושה, "ויפוצו אויביך" – צוּ פאַרטרײַבן די ניט גוטע זאַכן וואָס שטערן. אַז מ'נעמט אַרוֹיס דרײַ ספרי תורה צוזאַמען, דרײַ זײַנען אַ 'חזקה' (אָנהאַלט) אין אַלע גוטע ענינים.

דעריבער, דאַרפן מיר אַרוֹיס לערנען אַן אָנווײַזונג פון אָט דער ספּעציעלער פּאַסירונג פון ארויסנעמען דרײַ ספרי תורה אין ראש חודש ניסן. טאַקע דאָס טרעפט נאָר אײן מאָל אין אַפּאָר יאָרן, אָבער די אָנווײַזונג, איז אַן אײביקע און פּאַסט פאַר יעדער צײַט.

**צוּ ענדערן דעם נאַטור**

אין אָט די ספרי תורה לײנען מיר וועגן ניסים און גאולה (וואונדערס און אוֹיסלײזונג). פסוקים וואָס באַווײַזן אונז אַז דער אידישער פאָלק האָט נישט צוּ טאָן מיט טבע.

און דאָס רירט אונז אַלע אָן. ווײַל יעדער אײנער פון אונז דינט דעם אוֹיבערשטן, אָבער איז אײַנגעוואוֹינט לויט זײַן נאַטור צוּ אַ געוויסע עבודה. אײנער לערנט גוט, אַ ספּעציעלער אין דאַווענען מיט כוונה. יעדער אײנער קענט זיך וויפל ער קען טאָן, און וויפל איז ער טאַקע מצליח. און אַז מ'וויל ענדערן דעם נאַטור, פאַרשטײט מען אוֹיף וויפל איז דאָס שווער.

פון די 3 פרשות וועלכע מען לײנט די שבת, שעפּן מיר כחות אוֹיף מאַכן אַ נס, צוּ ענדערן אינגאַנצן דעם צושטאַנד צוּ וועלכן מיר זײַנען אײַנגעוואוֹינט. ווי עס זאָגט דער רבי מלך המשיח שליט"א:

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

**עבודת כל בני ישראל היא באופן של נשיאות, למעלה מסדר העבודה על דרך הרגיל, באופן של הנהגה נסית. ולא עוד אלא שהעבודה באופן של נשיאות נמשכת ופועלת גם בעבודה על דרך הרגיל, ועד שנעשית באופן של קביעות ונצחיות.**

(די עבודה פון אַלע אידן איז אין אַן אופן פון דערהויבונג, העכער פון דער געוויינלעכער סדר עבודה, אין אַן אופן פון אַ וואונדערלעכע אויפפירונג. און נישט נאָר דאָס נאָר אַז די עבודה אין אַן אופן פון דערהויבונג ציט זיך און ווירקט אויך אין די געוויינלעכע עבודה, און ביז אַז זי ווערט אין אַן אופן פון באַשטענדיקייט און אייביקייט).

לערנען אַסאַך מערער ווי געוויינלעך, דאַוונען אַסאַך מערער ווי געוויינלעך, העלפן ארויס דעם אַנדערן אַסאַך מערער ווי געוויינלעך. און זיך באַשטענדיקן אין די עבודה ביז אַז מיר זאָלן זיך איינגעוואוינען צו זיין מער ווי געוויינלעך. דאָס איז ממש אַ נס, און טאַקע עס זיינען אונז געגעבן געוואָרן ספּעציעלע כחות צו אויפמאַכן אַזעלכע נסים!

אַז מ׳אַרבעט אין אַ וועג פון נסים, אַלע זאַכן וואָס מיר וואָלט נישט געוואָלט, אַלע דורכפאַלונגען, דרייען זיך איבער אויף שלימות, מ׳דערהויבט זיך איבער אַלע שטערונגען און אַלץ קערט זיך אום צו זיין גוט און פריילעך. דאָס איז אַן אמת׳ע גאולה.

**דאָס לייענונג אין די 3 ספרים – גאולה!**

חודש ניסן איז אַ חודש פון ניסי ניסים. דעריבער אין ראש חודש ניסן וועט מען ליינען אין תורה ״החודש הזה לכם״, אַ פסוק וואָס רעדט וועגן ראש חודש ניסן וואָס לויט חז״ל ווערט אָנגערופן ״ראש חודש של גאולה״. דערנאָך לייענט מען אין אים וועגן קרבן פסח, ׳פסח׳ פון לשון **דילוג** ופסיחה (איבערשפּרינגונג און איבערהיפּערונג), צו איבערשפּרינגען איבער אַלץ וואָס ווייזט אונז אויס ווי אוממעגלעך.

אין דעם צווייטן ספר לייענט מען וועגן ראש חודש, דער טאָג אין וועלכן די לבנה ווערט פון־דאָס־ניי געבוירן, און דאָס דערמאָנט אונז אַז יעדער איינער קען זיך באַנייען, זיך אינגאַנצן בייטן פון וואָס ער איז געווען פריער. און אין פרשת ויקרא, די סדרה פון דער וואָך, ווערט דערציילט וועגן די אַנטפּלעקונג פון דער אויבערשטער צו משה׳ן אין משכן, און מיר האָבן דאָך געלערנט אַז אין יעדערער פון אונז איז דאָ אַ ״משה״ און יעדער איינער האָט ספּעציעלע כחות צו זיין פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן.

**תכל׳ס**

פאַר פסח איז דער מנהג צו געבן צדקה צו אָרעמעלייט, כדי זיי זאָלן קענען פראַווען דעם פסח פריילעכערהייט. האָבן מיר געלערנט פון די ספרי תורה אַז מיר דאַרפן זיך פירן אין אַן אופן ניסי, אויך די צדקה וועלן מיר געבן אין אַן אופן פון נס, דאָס הייסט מערער ווי מ׳איז איינגעוואוינט.

און ווי עס זאָגט דער רבי מלך המשיח שליט״א:

**גם לאחרי ההתעסקות משך זמן בנתינת צרכי החג, צריך כל אחד ואחד לחזור ולהתבונן ולעשות חשבון–צדק האם נתינת צרכי החג היתה באופן המתאים . . או שיש מקום וצורך להוסיף בזה עוד יותר.**

**. . ועל אחת כמה וכמה מראש חודש ניסן. שאז נעשה החידוש בעבודה באופן של הנהגה** ניסית – **צריך להוסיף בנתינת צרכי החג יותר** מטבעו ורגילותו. **כלומר ליתן יותר ממעשר ויותר מחומש, ועד – בלי**

**גבול.**

(אויך נאָכן טאָן אָ שטיקל צײַט אין געבן די באַדערפענישן פון דעם יום–טוב, דאַרף יעדערער נאָכאַמאָל איבערטראַכטן און מאַכן אַ גערעכטער–רעכענונג צי דאָס געבן די באַדערפענישן פון דעם יום–טוב איז געווען אויפן פאַסיקן אופן . . . אָדער ס'איז דאָ אַן אָרט און אַ נויטיקייט צו צוגעבן אין דעם נאָכמער.

. . און על אחת כמה וכמה זינט ראש חודש ניסן. וואָס דעמאָלט ווערט דער חידוש אין די עבודה אין אַן אופן פון אַ **וואונדערלעכע** אויפפירונג – דאַרפמען צוגעבן אין דעם געבן די באַדערפענישן פון דעם יום–טוב מערער **פון זײַן נאַטור און זײַן געוואוינהײַט.** דאָס הייסט געבן מער פון אַ צענטל און מער פון אַ פינפטל, און ביז – בלי גבול).

**משיח**

אַז מיר וועלן טאָן ניסים, און געבן צדקה מער ווי געוויינלעך, וועט אויך דער אויבערשטער טאָן דעם גרויסער נס – די גאולה האמיתית והשלימה, און מיר וועלן קענען מקריב זײַן קרבן פסח ווי געהעריק און מיט באַפרייאונג.

דער רבי מלך המשיח שליט"א באַטאָנט:

**ועוד והוא העיקר – שהגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו באה תיכף ומיד,** ביום השבת קודש פרשת ויקרא, ראש חודש ניסן, שנת ה'תנש"א, הי' תהא שנת אראנו נפלאות.

שבת איז פאַרבונדן מיט גאולה – ווײַל דאַן וועט זײַן יום שכולו שבת, פרשת ויקרא, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דעם משכן – איז פאַרבונדן מיט די גאולה אין וועלכע עס וועט זײַן דער בית המקדש השלישי. ראש חודש ניסן – איז אַ חודש פון גאולה, און דער יאָר ה'תנש"א – איז פאַרבונדן מיטן פסוק וואָס איז געזאָגט געוואָרן אויף משיח'ן "ותנשא מלכותו". קומט אויס אַז דער טאָג איז ספעציעל פאַרבונדן מיט די גאולה שלימה.

און ביז פסח, וועלן מיר שוין אַלע זײַן אין ירושלים עיר הקודש, מקריב זײַן קרבן פסח און לויבן דעם אויבערשטן אויף די גאולה מיט גרויס פרייד.

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

•

לזכות

**הרבי מלך המשיח שליט"א**

מהרה יתגלה ויגאלנו!

•

לזכות

החייל בצ"ה **צמח דוד** הכהן

בן הרה"ח **מנחם מענדל** הכהן **הענדל**

לרגל היכנסו בבריתו של אאע"ה כ"ד אדר ה'תשס"ו

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק

**ווילסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?**

**אין ארה"ק - קינדער: (054) 795-5493, אין ארה"ק - מיידלאך: (054) 646-0770,**

**אין ארה"ב: (718) 290-4444**

עריכה: **בן מנחם** • הגהה רוחנית: **רבנים ואנשי חינוך** • הגהה לשונית: **ב. נחשון** • תורגם לאידיש ע"י **מנחם מענדל פעלדמאן** •
יו"ל במסגרת **מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'**